ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

**שיחת כ״ק אדמו״ר שליט״א יום ב׳, כ״ח סיון ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
הי׳ **תהא שנת פלאות אראנו**
שנת הק״כ להולדת כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**
**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

לרגל יום הבהיר כ״ח סיון הי׳ תהא שנת פלאות אראנו
שמונים שנה לבוא **כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שיל״ו**
„איש – ויבחל״ח – וביתו״
לארצות הברית „חצי כדור התחתון״
שאז התחילה תנופה חדשה בהחזקת והפצת היהדות
והפצת המעינות חוצה

*

ויהי רצון שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

# שיחת כ"ק אדמו"ר שליט"א יום ב', כ"ח סיון ה'תנש"א
## (לאנ"ש שיחיו שברכו אותו[1])

— יובל שנים להצלת כ"ק אדמו"ר שליט"א
והרבנית הצדקנית נ"ע — יבחל"ח — מעמק הבכא האירופאי
וביאתם צלחה לארצות הברית, ביום ב', כ"ח סיון ה'תש"א —

**— אחרי תפלת מנחה, ו(המשכה) אחרי תפלת ערבית —**

**א.** דער ענין מיוחד אין אַ יום זכאי – וואָס דער גאַנצער טאָג ווערט אַזוי אָנגערופן („יום זכאי"[2]) צוליב אַ גוטע זאַך וואָס האָט פּאַסירט אין דעם טאָג (אפילו ווען דער דבר זכאי האָט פּאַסירט נאָר אין אַ זמן מסויים פון דעם טאָג, בתחלה, באמצע אָדער בסוף היום) – איז מרומז אין דעם נאָמען און צאָל פון דעם יום בחודש[3].

ובנדו"ד – כ"ח סיון: כ"ח – אותיות כח[4] – בחודש באַדייט דער כח פון דעם גאַנצן חודש. און כ"ח סיון באַדייט דער כח פון גאַנץ חודש השלישי, וועלכער איז אויסגעטיילט דערמיט וואָס ער איז דער חודש פון מתן תורה (וואָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט „ירחא תליתאי", כדלקמן), ד.ה. אַז דער יום זכאי פון כ"ח בסיון באַווייזט אויף דעם כח פון מתן תורה.

ווי ס'איז אויך מרומז אין דעם מספר היום – כ"ח: אמת'ער כח (ע"פ תורה) איז פאַרבונדן מיט דעם מספר שלשה, „ב־תלת זימני הוה חזקה"[5], וכמ"ש[6] „והחוט המשולש לא במהרה ינתק" – שלשה באַווייזט אויף אַ כח קיים ונצחי, דעם כח פון אַ דבר של קיימא. תכלית השלי־מות פון כח (חזקה פון שלשה) גופא איז – שלש פעמים שלש פעמים שלש = כ"ז (אותיות ז"ך), וועלכער מ'האָט בשלימות ביום הכ"ח, וואָס קומט תיכף נאָך דער שלימות פון כ"ז (ג' פעמים ג' פעמים ג').

**ב.** ויש לומר אַז דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס מתן תורה איז גע־ווען בחודש השלישי און איז פאַרבונדן מיט דעם מספר שלשה – כמאחז"ל[7] „בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי" [און רב נסים גאון[8] רעכנט אויס נאָך ענינים של שלשה בקשר מיט מתן תורה] – ווייל דורך מתן

---

1) ובהמשך לזה – בירך א' מאנ"ש שי' את כ"ק אדמו"ר שליט"א בברכת כהנים (מ„וידבר גו'" עד „ושמו גו' ואני אברכם"*). המו"ל.

2) בלשון חז"ל (תענית כט, א) „מגלגלין זכות ליום זכאי".

3) שהרי בהשגחה פרטית אירע הדבר זכאי ביום זה בחודש, ובמילא יש לזה שייכות עם היום שבו אירע.

4) ראה גם שיחת ש"פ שלח, כ"ח סיון תשמ"ט („קובץ כ"ח סיון – יובל שנים" ע' 43 – קה"ת ה'תנש"א). סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 535 ואילך.

---

*) כן יש נוהגין לברך בפרשת ברכת כהנים כולה (נשא ו, כב ואילך) מתחלתה ועד סופה (כמו שאומרים כל יום בברכות השחר), ולא רק בנוסח הברכה (כפי שמברכים הכהנים ביו"ט וכיו"ב) מ„יברכך" עד „וישם לך שלום".

---

5) ב"מ קו, ריש ע"ב. וש"נ.

6) קהלת ד, יב.

7) שבת פח, א.

8) בפירושו לשבת שם.





און עס ווערט „יחידה ליחדך" – די התאחדות פון כל הענינים ביחד אין אַן איין און איינציקער נקודה, וועלכע שטייט בגלוי אין דעם זמן ומקום פון גאולה האמיתית והשלימה, אָנהויבנדיק דוקא פון דעם דאָזיקן מקום און דעם איצטיקן זמן,

ביז אַז עס ווערט נתגלה די תכלית השלימות ותכלית האמיתית פון כל הענינים בכל העולם כולו – אַז עס ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתונים,

און מ'האָט בשלימות דעם בית משולש, בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך",

צוזאַמען מיט דעם פאַרבונד פון יע־דער איד מיט זיין יחידה שבנפש, וואָס פאַרבינדט אים מיט יחידה הכללית, משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, און אידן גייען צוזאַ־מען מיט דער תורה, מיט „תורה חדשה" פון משיח צדקנו[116], און דער המשך – דורך דעם אויבערשטן, „תורה חדשה מאתי תצא", ועוד ועיקר – תיכף ומיד ממש.

[אח"כ חילק כ"ק אדמו"ר שליט"א לכל אחד ואחת מהנוכחים שיחיו קובץ „כ"ח סיון – יובל שנים", ובצירוף אליו שטר של דולר, לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

---

(נסמן בלקו"ש חכ"ט ע' 360 הערה 27). וראה שערי תשובה שבהערה 58. ועוד.

116) ראה שיחת יום ב' דחג השבועות בענין „תורה חדשה מאתי תצא" – לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 566 ואילך.

והתאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן, כמאמר הידוע[107] „תלת קשרין[108] אינון מתקשראן דא בדא, קוב״ה אורייתא וישראל, וכל חד דרגא על דרגא סתים וגליא כו׳״, און דורך דער התקשרות פון ישראל ואורייתא ווערן ישראל פאַר־בונדן מיט קוב״ה, ביז אַז ישראל וקוב״ה כולא חד (נאָך העכער ווי די התקשרות ע״י אורייתא, וואָס דערפאַר זיינען דאָ „תלת קשרין״[109]).

און אין דער התקשרות גופא זיינען פאַראַן צוויי אופנים וסדרים, כידוע[110]: (א) גליא דישראל פאַרבינדט זיך מיט גליא דתורה און מיט גליא דקוב״ה, און סתים דישראל פאַרבינדט זיך מיט סתים דתורה און סתים דקוב״ה[111], (ב) גליא דישראל פאַרבינדט זיך מיט סתים דישראל, און סתים דישראל מיט גליא דתורה, און גליא דתורה מיט סתים דתורה, און סתים דתורה מיט גליא דקוב״ה און גליא דקוב״ה מיט סתים דקוב״ה.

ואלו ואלו דברי אלקים חיים[112] — מ׳האָטביידע אופנים וענינים צוזאַמען אין אַ לעבעדיקן (אלקים חיים) אופן באופן של קיום נצחי — סיי דער „חוט המשולש״ (תלת קשרין) פון גליא (גליא דישראל, גליא דתורה און גליא דקוב״ה), סיי דער „חוט המשולש״ פון סתים (סתים דישראל, סתים דתורה און סתים דקוב״ה), און סיי דער „חוט המ־שולש״ באופן שני — גליא בסתים, וסתים בגליא וכו׳ — אַזוי אַז מ׳האָט די אמת׳ע התאחדות פון אַלע דריי, אַזוי אַז מ׳האָט אַלע ענינים פון גליא, אַלע ענינים פון סתים, און אַלע ענינים פון סתים ווי זיי שטייען בגלוי (שלש פעמים שלש פעמים שלש), — אַלס אַן איין און איינציקע מציאות פון „יחידה ליחדך״[113].

און דער כח אויף דעם קומט פון כ״ח סיון, ווען מ׳האָט די שלימות פון שלש פעמים שלש פעמים שלש (די אַלע דריי אופנים אין דער התאחדות פון „תלת קשרין״), דער טאָג וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם שלימות גילוי הכח פון (מתן) תורה, און אויך פון פנימיות התורה, וב־אופן אַז אויך די סודות התורה שטייען בגלוי (ביז אין חוצה פון חצי כדור התחתון) — דורך וועלכער עס ווערט די שלימות ההתאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן (יחוד שימשא וסיהרא), סיי בבחי׳ גליא און סיי בבחי׳ סתים.

און דורך דעם — ווערט נמשך די אחדות אויך אין עולם, סיי אין גליא שבעולם און סיי אין סתים שבעולם, און סיי אַז דער סתים שבעולם — ביז כח העצמות שבו — שטייט בגלוי.

יד. ועוד ועיקר, אַז דורך דעם גילוי פון יחידה שבנפש שבכל אחד ואחת מישראל — וואָס דאָס איז דער (חלק ה)משיח אין יעדער איד[114], ובפרט אין כללות עם ישראל ווען מ׳קלייבט זיך צוזאַמען (כמה פעמים עשרה) אין אַ בית משולש (תורה תפלה ומעשים טובים) — זאָל זיין דער גילוי פון יחידה הכללית, משיח צדקנו[115],

107) זח״ג עג, א.

108) כן הובא בכ״מ בחסידות. וראה סה״מ תרנ״ז ס״ע כח־ט. ה׳ש״ת ע׳ 61 בהערה.

109) ראה סה״מ תרנ״ז שם (ע׳ כח ואילך). ועוד.

110) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ תקלה.

111) ראה לקו״ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א.

112) עירובין יב, א.

113) נוסח הושענות (יום ג׳).

114) ראה מאור עינים ר״פ פינחס.

115) רמ״ז לזח״ב מ, ב. ולזח״ג רס, ב. ועוד





תורה איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ כח, אַ קיום וחוזק אין אידן און אין דער גאַנצער בריאה, וכידוע[9] אַז דעמולט איז בטל געוואָרן די גזירה וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן „עליונים״ און „תחתונים״, און ס׳איז געגעבן געוואָרן דער כח צו ממשיך ומגלה זיין אלקות (עליונים) אין דער וועלט, עולם הזה ה־תחתון, תחתון שאין תחתון למטה ממנו[10], ביז אַז דאָס זאָל אינגאַנצן דורכנעמען מציאות העולם בפנימיות, אַז די עניני העולם עצמם זאָלן ווערן אַ חפצא של קדושה[11].

ואדרבא: תורה איז געגעבן געוואָרן (באַ מתן תורה) דוקא אין עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו (ביז אַז „לא בשמים היא״[12]), ווייל דער עיקר כח ותוקף פון אלקות איז ניכר בגלוי דוקא אין גשמיות העולם הזה, אין דעם תחתון שאין תחתון למטה ממנו, און דוקא דורך עבודת התחתונים ווערט אויפגעטאָן המ־שכת העצמות, ביז אַז דורך אויפהויבן דעם תחתון ביותר ווערט אויפגעהויבן דער גאַנצער „בנין״, אויך די דרגות הכי עליונות, פון סדר השתלשלות[13]:

און די שלימות הגילוי פון דעם כח פון „ירחא תליתאי״ (דער כח פון מ״ת) איז — כ״ח בסיון, ווען מ׳האָט די שלי־מות פון דריי מאָל דריי טעג אין ירחא תליתאי.

ג. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דער שייכות מיט פרשת שלח — וועלכע מ׳האָט געלייענט לעצטן שבת, שמיני׳ מתברך[14] כ״ח סיון (ברוב השנים)[15]:

„שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען״ גייט אויף שליחות המרגלים דורך משה רבינו צו גיין באַקוקן די לאַנד בכדי פאַרלייכטערן די כניסה לארץ און כיבוש הארץ[16].

והיות אַז דאָס איז געווען אַ שליחות פון משה רבינו — טאַקע אין אַן אופן פון „שלח לך, אני איני מצוה אותך״, נאָר „לך, לדעתך״[17] — איז דאָס אָבער לדעתו של משה רבינו (און דער אויבערשטער איז מעיד אַז דאָס איז „לדעתך״, דעתו של משה), וואָס ענינו בכלל איז ספירת הדעת[18] — איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שליחות (מצד דעתו של משה) האָט זיך זיכער אויסגעפירט, און דאָס האָט ב־פועל פאַרלייכטערט די וועג אַז מ׳זאָל דערנאָך קענען איינעמען און אַריינגיין אין ארץ ישראל ווי דאָס איז געווען דורך יהושע, תלמידו וממלא מקומו של משה[19].

דער ענין אין עבודת השם:

יעדער איד דאַרף „כובש זיין״ חלקו בעולם אין ארץ הלזו התחתונה און מאַכן דערפון „ארץ ישראל״[20], בלשון

9) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. ועוד.

10) תניא פל״ו.

11) ראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 212 ואילך. ובכ״מ.

12) נצבים ל, ג. וראה ב״מ נט, ב. שבת פט, א.

13) ראה תו״א בראשית ד, א. וראה לקו״ש חי״ח ע׳ 33.

14) ראה זח״ב סג, ב. פח, א.

15) ולפעמים חל כ״ח סיון בש״פ שלח עצמה. ובשנה זו כ״ח סיון הוא ביום שני בשבוע, שהוא מ„בתר שבתא״, ולכן יכול להבדיל בו באם לא הבדיל במוצש״ק (פסחים קו, סע״א).

16) ראה רמב״ן ר״פ שלח.

17) פרש״י שם.

18) תניא פמ״ב. וראה לקו״ש ח״ו ע׳ 247 ואילך.

19) ראה בארוכה שיחת ש״פ שלח, מבה״ח תמוז (לעיל [סה״ש תנש״א ח״ב] ע׳ 617 ואילך).

20) כפתגם הצמח־צדק: „מאַך דאָ ארץ ישר־אל״ (אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה).

הידוע[21] — לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

ובכדי דאָס אויספירן בנקל האָט מען די שליחות „ויתורו את ארץ כנען"[22], כמבואר דער פירוש אין דעם[23], אַז „ויתורו" איז מלשון „ויתרון ארץ בכל היא"[24]: דער יתרון ומעלה וואָס איז דאָ דוקא אין ארץ (תחתונים), מער ווי אין שמים און אַלע מדריגות למעלה (כידוע[25] אַז דוקא אין ארץ איז דאָ דער כח הצמיחה יש מאין וואָס נעמט זיך מלמעלה פון סדר השתלשלות). ובפרט דורך דער עבודה אין ארץ פון מברר זיין די בירורים למטה, וואָס דורך דעם ווערט אַ יתרון, יתרון האור מן החושך[26].

ובשרש הענינים[27]:

ארץ איז ספירת המלכות, וועלכע האָט אין זיך אַ יתרון ומעלה לגבי אַלע ספירות שלמעלה ממנה. און נאָכמער — „ויתרון ארץ בכל היא": מלכות איז כולל אין זיך „כל", ספירת היסוד, וועלכע איז אין זיך כולל אַלע (כל) ספירות שלפני זה, און דער יתרון אין מלכות ווערט אויפגעטאָן דורך דער המשכה פון „כל" (אַלע ספירות וואָס זיינען נכלל אין ספירת היסוד) אין ארץ (מלכות), אָבער דערנאָך, בשעת דאָס ווערט נמשך אין מלכות, ווערט נתגלה דער יתרון וכח פון מלכות (לגבי אַלע ספירות), „אשת חיל עטרת בעלה"[28], אַ יתרון שלא בערך מער ווי ס'איז דאָ אין די אַנדערע ספירות (שלמעלה ממלכות), ביז אַז עס ווערט דער „יתרון ארץ בכל היא" — אַז דער „בכל" שטייט בגלוי אין מלכות דוקא, כידוע אַז ענינה של מלכות איז צו אַרויסברענגען יעדער זאַך בגלוי ובשלימות, און אין אַן אופן של תוקף וקיום (וואָרום דער כח ותוקף פון אלקות ווערט נתגלה דוקא אין און דורך ארץ, און דער בירור פון דעם תחתון ביותר (וואָס נעמט זיך פון מלכות, די ספירה האחרונה און שרש אויף עולמות בי"ע), ביז אַז דאָס הויבט אויף אַלע דרגות שלמעלה, כנ"ל).

און דאָס איז דער פירוש אין „ויתורו את ארץ כנען": דורך דער עבודה פון אַ אידן אין ארץ (כנען) דוקא, איז ער דאָרט מגלה דעם יתרון וואָס איז דאָ אין ארץ, „יתרון ארץ בכל היא", וואָס דאָס גיט דעם כח צו כובש זיין און אַריינגיין אין דעם ארץ און זיך דאָרט באַזעצן באופן של קביעות, ביז מאַכן דאָרט (אין די תחתונים) אַ דירה לו יתברך.

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק די שייכות מיט כ"ח סיון (וועלכער ווערט געבענטש פון שבת פ' שלח) — ווען עס שטייט בגלוי דער כח פון „ירחא תליתאי" — דער כח וואָס איז געגעבן געוואָרן באַ מתן תורה צו אויפטאָן און מגלה זיין דעם יתרון אין ארץ („ויתרון ארץ בכל היא"), וועלכער ערמעגלעכט אַז מ'זאָל דערפון מאַכן אַ דירה פאַרן אויבערשטן.

ד. דערפון האָט מען אַ לימוד מיוחד בדורותינו אלו:

ס'איז ידוע דער פירוש[29] אין דעם וואָס כלב האָט געזאָגט (בפ' שלח[30]

21) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו. ובכ"מ.

22) ר"פ שלח.

23) אוה"ת שלח ע' תמו ואילך.

24) קהלת ה, ח.

25) אוה"ת שם. וראה אגה"ק ס"כ (קלב, א ואילך). ובכ"מ.

26) קהלת ד, יג.

27) אוה"ת שם.

28) משלי יב, ד.

29) תו"א ר"פ שמות.

30) יג, ל.





הכתוב[98]: דורך דעם „יפקד מושבך" (העלם הלבנה) בערב ראש חודש („מחר חודש"), ווערט דער „ונפקדת" (מולד הלבנה בראש חודש), דער יחוד שימשא וסיהרא[99].

ובעבודת השם פון אידן — וועלכע זיינען דומין ומונין ללבנה[100]: בערב ראש חודש איז די שלימות העבודה פון אַ אידן, ווען ער שטייט בתכלית הביטול (בדומה צו דער לבנה וואָס איז דעמולט בהעלם), און דאָס ברענגט גלייך די עלי' פון דער נשמה („ונפקדת") — דער יחוד וזיווג פון כנסת ישראל (מלכות, סיהרא) און דעם אויבערשטן (ז"א, שמש), און אַזוי אויך דעם יחוד פון יעדער איד אַלס יחיד („ואתם תלוקטו לאחד אחד"[101]) מיט עצמות ומהות — אַזוי אַז זיי ווערן איין מציאות ממש, באחדות אמיתית — „והיו לבשר אחד"[102], ביז אין אַן אופן פון יחיד[103], ביז — נאָך העכער פאַר יחיד.

וואָס דעמולט איז דאָך זיכער ניט שייך קיין ענין פון הפסק ח"ו[104], וואָרום אדרבא: ס'איז דאָ דוקא נאָר אַן ענין פון התאחדות, און התאחדות בתכלית השלימות.

ונוסף אויף דעם ענין ההתאחדות (צווישן אידן מיט דעם אויבערשטן) אין „והיו לבשר אחד" — איז דאָ אַ צווייטער ענין אין „והיו לבשר אחד": די תוצאות וואָס קומען דערפון אַרויס — אַז עס ווערן געבאָרן „תולדות" — „תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים"[105],

ביז אַזוינע מעשים טובים (וואָס זיינען ניט קיין באַזונדער זאַך פון „והיו לבשר אחד", נאָר מעשים טובים) דורך וועלכע אַ איד (בגופו ונשמתו) ווערט אַ „שותף להקב"ה" (באופן של התאחדות) אין אַלע דעם אויבערשטן'ס ענינים, כולל ועיקר — אין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס כדי דער אויבערשטער זאָל דאָס דורכפירן בשלימות דאַרף ער (כביכול) האָבן די השתתפות פון יעדער איד, און דוקא אַלס נשמה בגוף, אַז דורך „מעשינו ועבודתינו" קומט די גאולה, און מ'דאַרף כביכול אָנקומען אַז דער איד זאָל מסכים זיין, און נאָכמער — ער זאָל וועלן און מכריז זיין, אַז ניט נאָר וואָס „הגיע זמן גאולתכם"[106], נאָר ס'איז שוין דאָ די גאולה בפשטות, כמדובר לעיל (סו"ס ח) אַז גאולה איז מלשון גילוי — דער גילוי פון אלופו של עולם אין „גולה" (וואָס ווערט דורך דער עבודה פון אַ אידן אין גלות).

יג. און דער כח אויף דערגרייכן די התאחדות בערב ראש חודש [הן מלמטה למעלה, די התאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן, ווי אידן דאַרפן אָנקומען צו דעם אויבערשטן, און הן מלמעלה למטה — דער אויבערשטער מיט אידן, ווי דער אויבערשטער דאַרף כביכול אָנקומען צו אידן] — קומט פון דעם יום שלפניו, כ"ח בחודש, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם כח פון (מתן) תורה (ענינו פון חודש השלישי), ובפרט פון גילוי פנימיות התורה למטה (כנ"ל בארוכה):

דורך תורה ווערט די התקשרות

98) שמואל־א כ, יח.

99) ראה דרושי מחר חודש — סה"מ תקס"ז ע' מח ואילך. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

100) סוכה כט, א. ב"ר פפ"ו, ג. זח"א רלו, ב.

101) ישעי' כז, יב.

102) בראשית ב, כד.

103) ראה תו"א וארא נח, ב ואילך. ובכ"מ.

104) ראה לעיל הערה 97.

105) פרש"י ר"פ נח.

106) ראה לעיל ס"ט.

ובפרט אַז מ׳האָט דערצו דעם סיוע פון כל עניני העולם — „ברבים היו עמדי״ — אַזוי אַז אַלע עניני העולם זיינען מסייע און פירן צו דער איין און איינציקער מטרה: די גאולה האמיתית והשלימה.

יא. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער דורך דעם וואָס מ׳וועט געבן יעדערן אַ שליחות — מ׳מאַכט יעדערן פון די נמצאים כאן פאַר אַ שליח מצוה לצדקה, דורך געבן אים אַ שטר לצדקה און ער איז דערנאָך מוסיף מדילי׳,

וגדולה צדקה שמקרבת את ה־גאולה[91], ביז אַזאַ קירוב וזירוז אַז עס בלייבט ניט קיין איין רגע פנוי, נאָר גלייך פון אונזער צוזאַמענטרעפן זיך איצטער דאָ — „כאיש אחד בלב אחד״[92] [ווי דאָס איז געווען שוין בראש חודש סיון, און פון ראש ווערט עס נמשך על ובכל ימי החודש, ועאכו״כ ביום כ״ח בו — דער טאָג וואָס ער איז דער כח פון דעם גאַנצן חודש] — גייט מען אין ארץ הקודש,

ותיכף ומיד, ועוד והוא העיקר — ממש, באופן של ממשות, אָנהויבנדיק פון דעם גילוי פון דעם „חלק אלוקה ממעל[93] (און ווי דער אַלטער רבי איז מוסיף[94]:) ממש״, און דוקא אַלס נשמות בגופים צוזאַמען, ואדרבה — מיט אַ הוספה אין בריאות הגוף און בריאות הנשמה, און אויך — אין בריאות כל העולם כולו, ביז אַז עס ווערט נתגלה ווי דער גאַנצער וועלט ווערט באַשאַפן בכל רגע ורגע מאין ליש פון עצמותו

יתב׳[43], דורך תורה — אסתכל באורייתא וברא עלמא[95].

ועוד והוא העיקר: פון דעם דיבור בכל ענינים אלו, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דיבורו של הקב״ה — איז דיבורו של הקב״ה חשיב מעשה[96], ווערט די מעשה של הקב״ה, וואָס די מעשה העיקרית שלו איז — גלייך אַראָפּברענ־גען און מגלה זיין (מיט אַלע פירושים שבדבר) די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש בפשטות.

* * *

[התפללו תפלת ערבית, ולאחרי התפלה המשיך[97] כ״ק אדמו״ר שליט״א:]

יב. נוסף אויף דעם וואָס כ״ח סיון איז אַ המשך צו כ״ז (זך) סיון (כנ״ל ס״א), וואָס דאָס רעדט זיך בעיקר וועגן דער עבודה פון אַ אידן אין וועלט (ביז אין חצי כדור התחתון), איז ער אויך אַ הכנה והקדמה צו דעם יום שלאחריו — כ״ט סיון, ערב ראש חודש (תמוז), וואָס רעדט זיך בעיקר וועגן דער התאחדות פון אַ אידן מיט דעם אויבערשטן (וואָס קומט בכח פון דער עבודה בכ״ח סיון).

דער ענין אין דעם:

בערב ראש חודש ווערט דער אור הלבנה נעלם לגמרי אַלס הכנה צו דעם מולד חדש בראש חודש. ובלשון

91) ב״ב י, א.

92) פרש״י יתרו יט, ב.

93) איוב לא, ב.

94) בתניא רפ״ב.

95) זח״ב קסא, א־ב.

96) ב״ר פמ״ד, כב. אוה״ת שמות ס״ע ב׳תשב ואילך.

97) לאחרי התפלה הכריז הגבאי שי׳ שתהי׳ כעת הפסקה ואח״כ יחלק כ״ק אדמו״ר שליט״א את הקונטרס והשטרות לצדקה. וכ״ק אדמו״ר שליט״א אמר (בחיוך): אַנשטאָט מאַכן אַ הפסקה, וועט מען איצטער מאַכן אַ המשך (ביז עס וועלן אָנקומען די קונטרסים). וראה לקמן בהשיחה. המו״ל.





„עלה נעלה״ (ב׳ עליות, ועי״ד „ואנכי אעלך גם עלה״[31]) — אַז דאָס גייט אויף צוויי עליות: די ערשטע עלי׳ פון גלות מצרים אין ארץ ישראל ובנין בית המקדש, און די צווייטע עלי׳ פון גלות זה האחרון אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה ובנין ביהמ״ק ה־שלישי (הנצחי); און „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״[32] — כשם ווי דער עיקר תכלית המכוון פון גלות מצרים איז בכדי מקבל זיין די תורה באַ מתן תורה (תורה הנגלית[33]), „כך כל אריכות הגלות הזה הוא כדי לזכות לגילוי פנימיות התורה שיהי׳ לע״ל״ (ווי רש״י איז מפרש אויף „ישקני מנשיקות פיהו״[34] — „מובטחים מאתו להופיע עוד עליהם לבאר להם סוד טעמי׳ ומסתר צפונותי׳״[35]).

און וויבאַלד אַז עס דאַרף זיין „טועמי׳ חיים זכו״[36] (בסוף אלף הששי, ערב שבת הגאולה[37]) — דעריבער[38] איז געווען דער גילוי פון פנימיות התורה והפצת המעינות חוצה אין (מחצית השני פון) אלף הששי, אָנהויבנדיק דורכן בעש״ט און מגיד (תורת החסידות הכללית), און דערנאָך — באופן פון התלבשות אין חכמה בינה ודעת (תורת חסידות חב״ד) — דורך דעם אַלטן רבי׳ן (ובפרט נאָך דער גאולה פון י״ט כסלו, בחודש השלישי פון חדשי החורף, ע״ד חודש סיון, דער חודש פון מ״ת, חודש השלישי פון חדשי הקיץ[39]) און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו — וואָס גילוי תורת החסידות איז די התחלה — באופן של „טעימה״ עכ״פ, אָבער דאָס גיט אַ טעם אין דעם גאַנצן ענין (כפשטות ענין של טעימה) — פון גילוי פנימיות התורה דלע״ל.

וכשם ווי באַ מתן תורה (בירחא תליתאי) איז בכללות געגעבן געוואָרן דעם כח פון „ויתורו את הארץ״, צו איבערמאַכן עולם הזה התחתון, ביז אַז די וועלט זאָל מסייע זיין און מגלה זיין אלקות — אַזוי ווערט עס אויך אויפ־געטאָן דורך דעם גילוי פון פנימיות התורה והפצת המעינות חוצה ובפרט באופן של התלבשות בהשגה (חב״ד) אין שכל האדם, ביז אין שכל פון נה״ב ושכל העולם, וואָס דאָס גיט דעם כח אַז טבע העולם און די ענינים שלמטה זאָלן זיין כלים לאלקות[40].

ואדרבא: דורך גילוי פנימיות התורה (באלף הששי) קומט צו אַ חידוש לגבי מתן תורה, אַז מ׳באַקומט נאָך אַ טיפערן כח צו מגלה זיין אלקות אין עולם, מער ווי ס׳איז געווען (בגלוי) באַ מתן תורה (נאָר דאָס גופא איז אויך געגעבן גע־וואָרן בכח ובהעלם באַ מ״ת, ע״ד „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני״[41]): דורך נתינת התורה הנגלית, גליא דאורייתא (וואָס איז געווען בעיקר באַ מ״ת) באַקומט מען

31) מקץ מו, ד.

32) מיכה ז, טו.

33) תו״א שם.

34) שה״ש א, ב.

35) וראה לקו״ש חכ״ב ע׳ 77 הערה 68. וש״נ.

36) פע״ח שער השבת רפ״ג. מג״א או״ח סר״נ סוסק״א. שו״ע אדה״ז שם ס״ח. ועוד.

37) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ תקלא. סה״מ השי״ת ע׳ 245. ס׳ השיחות תש״נ ח״א ע׳ 254, 256. וש״נ.

38) ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 282. ח״כ ע׳ 173.

39) אלא שכסלו שייך בעיקר לנסתר דתורה כו׳ — לקוטי לוי יצחק אגרות ע׳ רה. ע׳ ריז.

40) „שהטבע ממש יהי׳ אלקות והענינים של־מטה יהיו כלים לאלקות״ — סד״ה פדה בשלום תרפ״ה (ע׳ פח).

41) ראה מגילה יט, ב. ועוד.

בעיקר דעם כח צו מגלה זיין גליא דקוב״ה און גליא דישראל[42], און דורך דעם אויך — גליא דאלקות אין עולם: דורך גילוי סתים דאורייתא באַקומט מען דעם כח צו מגלה זיין סתים דקוב״ה און סתים דישראל[42], און דורך דעם — סתים דאלקות בעולם, די דרגות הכי נעלות פון אלקות וואָס זיינען באַהאַלטן אין ארץ („ויתרון ארץ בכל היא״), ביז דער כח העצמות וואָס איז דאָ אין עולם הזה הגשמי דוקא (וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו׳״)[43].

ה. דער ענין (אַז גילוי תורת החסי־דות גיט דעם כח צו מגלה זיין אלקות אין עולם וביתר שאת וביתר עוז) איז אונטערשטראָכן אין דעם לשון[44] „יפוצו מעינותיך חוצה״[45]:

מ׳האָט גערעדט מערערע מאָל, אַז יעדערער פון די דריי ווערטער גיט אַרויס אַ גאַנצן ענין וביאור אין תוכן העבודה, און זייענדיק לשונות אין תורה[44], באַדייט יעדער לשון די אמיתית ושלימות פון תוכן לשון זה: „יפוצו״ ב־אמיתית ובשלימות, „מעינותיך״ באמיתית ובשלימות, און „חוצה״ באמיתית וב־שלימות[46].

וואָס הייסט „חוצה״ בשלימות — לכ־אורה איז „חוצה״ פונקט פאַרקערט פון שלימות (וואָס איז נאָר אין פנים, אין קדושה און אלקות)?!

איז דער ביאור אין דעם: וויבאַלד אַז „חוצה״ איז אַ לשון בתורת אמת, באַווייזט עס אויף אמיתית הענין פון „חוצה״ (כנ״ל) — וואָס באמיתית הענינים איז ניטאָ קיין „חוץ״ פון דעם אוי־בערשטן ח״ו (כמ״ש „אין עוד מלבדו״[47], „אין עוד״[48]); און דאָס וואָס עס שטייט אין תורה דער לשון „חוצה״ מיינט דאָס דער אמת פון דער „חוצה״ — ווי „חוצה״ איז מגלה אלקות, ואדרבא: דוקא אין און דורך דעם חוץ (תחתונים בהסתר אורו ית׳[49]) איז ניכר בגלוי ובשלימות ובתכלית השלימות דער אמת פון אלקות, אַז „אין עוד (מלבדו)״ אפילו אין „חוצה״ [וע״ד די מעלה פון נסים ה־מלובשים בטבע[50]].

און דער כח אויף דאָס מגלה זיין אין „חוצה״ איז — דורך „יפוצו מעינותיך״, די הפצה פון די מעינות פון פנימיות התורה, באמיתית ובשלימות, באופן אַז עס ווערט נתגלה דער יתרון וכח נעלה אין „חוצה״, אַז דאָס איז מסייע און מגלה אלקות, ואדרבא — באופן נעלה יותר ווי אין „פנים״.

ו. ויש לומר אַז דער כח אויף דעם איז געקומען פון דעם מאסר וגאולה פון דעם אַלטן רבי׳ן בי״ט כסלו (בחודש השלישי), כידוע (בשיחות רבותינו נשיאינו)[51] אַז דעמולט האָט זיך אָנגע־הויבן דער עיקר ענין פון „יפוצו מעינו־תיך חוצה״:

בקשר מיט זיין גאולה שרייבט דער

42) ראה לקמן סי״ג.

43) אגה״ק ס״כ (קכט, ריש ע״ב).

44) משלי טז, ה.

45) כמענה המשיח על שאלת הבעש״ט „אימתי אתי מר״: בעת שיתפרסם למודך ויתגלה בעולם ויפוצו מעינותיך חוצה (אגה״ק הבעש״ט הידועה — כתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ).

46) נתבאר בשיחת ש״פ שלח, כ״ח סיון תשמ״ו — „קובץ כ״ח סיון יובל שנים״ ע׳ 38. לקו״ש חל״ג ע׳ 274.

47) ואתחנן ד, לה.

48) שם, לט.

49) תניא פל״ו.

50) ראה ד״ה כימי צאתך תשל״ח — „קובץ כ״ח סיון יובל שנים״ ע׳ 97 ואילך.

51) ראה ס׳ השיחות תורת שלום ס״ע 112 ואילך.





ביז אַז תיכף ומיד ווערט אין דעם אָרט דער גילוי פון „מקדש אד׳ כוננו ידיך״ — וואָס דאָס קען דאָך כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו מאָנען און אויס־פירן, אַז צום אַלעם ערשטן ווערט דער גילוי פון „מקדש אד׳ כוננו ידיך״ אין דעם אָרט („זיבן הונדערט און זיבעציק״) וואו ער האָט געלעבט און געטאָן עבו־דתו במשך עשר שנים האחרונות שלו, דער סך־הכל פון כל עבודתו (כנ״ל).

און דוקא דורך דעם סיום העבודה אין חצי כדור התחתון, ביז אין דעם תחתון תחתון ביותר — „הויבט מען אויף״ און מ׳איז מגלה דעם גאַנצן בנין פון „מקדש אד׳ כוננו ידיך״, ביז אויף דעם גג של הבנין, וואָס „מלך המשיח .. עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם״[82] — ווערט דאָס אַלץ „אויפ־געהויבן״ (אויפגעטאָן) דורך דער עבודה (הגבהה) פון דעם תחתון ביותר.

ותיכף ומיד ממש — „ארו עם ענני שמיא״[83] — ווערן אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״[84], איבערגע־שטעלט אין ארצנו הקדושה, צוזאַמען מיטן בית המקדש השלישי וואָס מ׳האָט דאָ, און מ׳נעמט דאָס אַלץ מיט צוזאַמען, צוזאַמען מיט „כספם וזהבם אתם״[85], די עבודה פון אהבת ה׳ ויראת ה׳[86], וואָס דאָס איז כולל אַלע מצוות עשה און אַלע מצוות לא תעשה[87].

י. דער לימוד דערפון:

שטייענדיק אין אַ זמן ומקום זכאי — בחודש השלישי, און אַ בית משולש, בית תורה תפלה ומעשים טובים (דער „חוט המשולש״ פון תורה עבודה וגמילות חסדים), און דעמולט גופא, אין דעם טאָג פון כ״ח סיון — ווען עס שטייט בגלוי דער כח פון גאַנץ חודש השלישי (ג׳ פעמים ג׳ פעמים ג׳), שענינו: המשכת וגילוי אלקות למטה באופן של קיימא —

באַקומט יעדער איד אַ תוספת כח און שטאַרקייט צו מקיים זיין די שליחות פון אונזער דור — וועלכער האָט די שליחות און אָנזאָג פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, אַז מ׳דאַרף שטיין „עמדו הכן כולכם״[88] אויף מקבל זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ובראשם — משיח צדקנו, דוד מלך ישראל.

און זייענדיק די שליחות פון דעם דור — דער חידוש פון דעם „תלמיד ותיק״ בדורנו (וואָס כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש שניתן למשה מסיני) — איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת אפילו אַ קליין קינד זאָגט בימינו אלה אַז ער האָפט און בעט אַז משיח וועט קומען — איז דאָס אַ חידוש אמיתי אין תורה, ביז אַז דאָס ווערט אַ חלק פון דעם „חידוש תורה״ וואָס „מאתי תצא״[89], פון דעם אויבערשטן אַליין, וואָרום דער אויבער־שטער איז מסכים צו די ווערטער און בקשות פון אידן — „נער ישראל ואוהבהו״[90], און דער אויבערשטער איז מגלה זיין אהבה בפשטות ממש, באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה — בגלוי למטה מטה, אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו.

82) ילקוט שמעוני ישעי׳ רמז תצט.

83) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

84) בא י, ט.

85) ישעי׳ ס, ט.

86) ראה תו״א ר״פ וישב.

87) ראה תניא פ״ד.

88) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ רעט.

89) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

90) הושע יא, א.

והגלות, ביז אין דעם תחתון שאין תחתון למטה ממנו — ווערט אויפגעטאָן די גרעסטע עלי' און פון אַלע דרגות און דורות שלפני ושלמעלה זה, כולל אויך פון חצי כדור העליון און פון די דורות נעלים ביותר (דור דיעה של משה רבינו וכיו"ב), ביז די עלי' פון דער גאולה האמיתית והשלימה, אַ גאולה פאַר כל העולם כולו (אויך חצי כדור העליון), און פאַר אַלע דורות כולם.

וכידוע אַז דער וואָרט „גאולה" ווערט אויפגעמאַכט דוקא דורך דעם וואָרט „גולה" בתוספת אל"ף — ווייל די גאולה ווערט נמשך אין און קומט פון און דורך (דער עבודה פון) אַריינשטעלן דעם אל"ף פון אלופו של עולם אין גלות (גולה)[76];

און וויבאַלד אַז די גאולה קומט דוקא פון דעם מצב הכי תחתון, דעריבער טוט עס אויך אויף אַז עס זאָל זיין אַ גאולה האמיתית והשלימה, אַ גאולה נצחית שאין אחרי' גלות, אויף וועלכע מ'זאָגט „שיר חדש" לשון זכר[77] [ניט ווי די גאולות שלפני זה, וועלכע האָבן דערנאָך געהאַט אַ הפסק], וואָרום דוקא דורך דעם וואָס דאָס קומט פון דעם תחתון ביותר, ווערט נתגלה דער אמת ושלימות הענין, אַז דאָס איז אַ דבר של קיימא, און באופן גלוי דוקא — די מעלה פון ספירת המלכות (שענינה גילוי באופן של קיימא, כנ"ל ס"ג), וואָס ווערט נתגלה בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו (ממלכות בית דוד), כידוע אַז דער אויפטו פון גאולה איז — גילוי אלקות למטה בעוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, אַ דירה לו (לעצמותו) יתברך בתחתונים, וואָס אין אַ דירה שטייט דער עצם בגלוי. — וי"ל אַז דאָס איז אויך דער שרש פון וואָרט „גאולה" און „גולה" — מלשון גילוי.

ט. ויש לומר, אַז כשם ווי דאָס איז בנוגע צו כללות ענין הגלות וגאולה, אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו דעם מקום פרטי וואו מ'געפינט זיך אין „חצי כדור התחתון" — אַז היות אַז דאָס (דער „מקדש מעט"[78]) איז דער אָרט וואו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט קובע געווען מקומו, אַלס דער מקור אויף הפצת המעינות חוצה בכל העולם כולו, ווערט דוקא אין און פון דעם אָרט אויפגעטאָן די גאולה און בנין בית המקדש השלישי, „מקדש[79] אד' כוננו ידיך"[80],

דאע"פ אַז מקומו איז אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, על הר הקודש — איז אָבער וויבאַלד אַז דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך זמן הגלות"[81], ובפרט אין סיום פון זמן הגלות דורך דער עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה" — האָט מען אין דעם אָרט, און דוקא אין דעם אָרט, די גאַנצע צוגעגרייטקייט צום „מקדש אד' כוננו ידיך",

76) לקו"ת בהעלותך לה, ג. וראה שיחת ש"פ אחו"ק וש"פ אמור (לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 504 ואילך. 520 ואילך).

77) מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב.

78) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

79) בשלח טו, יז.

80) וגם לפני זה הרי הוא „מקדש מעט". ולהעיר מ„התמים" (חוברת ב ע' קכו [קי, ב]) דברי אחד מזקני חסידי האָמיל בימי הצ"צ: מיום שחרב ביהמ"ק וקד"ק עד אשר ירחם השי"ת וישלח לנו גואל צדק . . ויבנה לנו את ירושלים וביהמ"ק עם הקד"ק, הנה ליובאַוויטש הוא ירושלים שלנו, והבית הכנסת אשר כ"ק אדמו"ר מתפלל בו הוא ביהמ"ק שלנו וכו'.

81) תניא רפל"ז.





אַלטער רבי[52]: „כשקריתי בספר תהלים בפסוק[53] פדה בשלום נפשי . . יצאתי בשלום" [וואָס דערפאַר איז באַ חסידים אָנגענומען דער ניגון פון „פדה בשלום נפשי" בקשר מיט דער גאולה].

וי"ל איינער פון די ביאורים אין דער שייכות פון „פדה בשלום נפשי" מיט דער גאולה והתחלה פון דעם עיקר פון הפצת המעינות חוצה: נאָך „פדה בשלום נפשי" שטייט[53] „כי ברבים היו עמדי". וואָס דאָס באַווייזט אויף כללות הענין, אַז דער „רבים" און „רשות הרבים" פון דער גאַנצער וועלט (עלמא דפרודא) ווערט אין אַ מצב פון „היו עמדי"[54], אַז ניט נאָר וואָס מ'דאַרף ניט האָרעווען און עכ"פ עפּעס טאָן אַז דער „רבים" זאָל ניט שטערן, נאָר אדרבא: דער „רבים" שטייט „עמדי", ביז אַז דאָס איז מסייע, נאָכמער מסייע צו דעם „רשות היחיד" ליחידו של עולם, אַז דאָס זאָל זיין בתכלית השלימות ובתכלית האמיתיות (כנ"ל).

און דעריבער טוט דאָס אויף „פדה בשלום נפשי", אַז די פדי' (וגאולה) איז בדרך שלום (בלי קיין מלחמה), ועד"ד ווי ס'איז געווען בימי שלמה, אַז אַלע פעלקער זיינען בטל געוואָרן לגבי שלמה (אָן קיין מלחמה), ביז אַז זיי האָבן אים מסייע געווען („עמדי"), און דערפאַר ווערט ער אָנגערופן בשם שלמה ווייל שלום[55] הי' בימיו[56]. ביז אַז דאָס („פדה בשלום נפשי") גייט אויף תכלית השלימות אין שלום, אַז די וואָס זיינען פריער געווען מנגדים „נעשים אוהבים גמורים", ווי ס'וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה, כמ"ש[57] „אז אהפוך אל עמים (לשון רבים) שפה ברורה גו' לעבדו שכם אחד" (ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[58]).

ז. אין דער שלשלת פון „יפוצו מעינותיך חוצה" עצמה (דורך רבותינו נשיאינו) זיינען געווען כמה דרגות ושלבים — במשך השבעה־תשעה דורות פון דעם בעש"ט און דעם אַלטן רבי'ן ביז דורנו זה:

נאָכדעם אַלטן רבי'ן (וועלכער האָט געלעבט אין ליאָזנאָ[59] און דערנאָך אין ליאַדי[60]) זיינען רבותינו נשיאינו געווען כמה דורות אין ליובאַוויטש[61]. און דערנאָך (בדור השביעי פון בעש"ט) — האָט מען זיך איבערגעקליבן אין ראַסטאָוו[62], און דערנאָך — לעניגראַד[63] (אָדער פּעטערבורג, ווי עס האָט אַמאָל געהייסן[64]), ולאחרי זה — אין

52) אגרות קדוש שלו סל"ח. וש"נ.

53) תהלים נה, יט.

54) כדברי חז"ל עה"פ, שגם אנשי אבשלום התפללו בעד דוד (ירושלמי סוטה פ"א סה"ח).

55) דה"א כב, ט.

56) ושייך גם לשלמה מלשון שלימות, ששלימות גילוי אלקות היא דוקא כשזה באופן של „שלום" עי"ז ש„רבים היו עמדי".

57) צפני' ג, ט. וראה רמב"ם הל' מלכים ספי"א וספי"ב.

58) שערי תשובה ד"ה פדה בשלום נפשי פי"א.

59) משנת תקכ"ז („שלשלת היחס וראשי פרקים מתולדות בית רבינו" — בהקדמת „היום יום").

60) מי"א מנחם אב תקס"א עד ערב שבת מברכין אלול תקע"ב (שם).

61) ק"ג שנים — מח"י אלול תקע"ג (שאז קבע אדהאמ"צ דירתו בעיר ליובאַוויטש) עד י"ז מרחשון תרע"ו (כשעזב אדמו"ר מהורש"ב ליובאַוויטש והעתיק מושבו לעיר רוסטוב ע"נ דאן) — שם.

62) בשנת תרע"ו (כבהערה הקודמת).

63) משנת תרפ"ד עד לאחרי מאסר וגאולה של כ"ק מו"ח אדמו"ר בשנת תרפ"ז, שאז העתיק מושבו למושבה מאַלאַחאָווקא — סמוכה למאָסקוואָ (שם).

64) ובימים אלה יש שקו"ט להחזיר שמו לפּעטערבורג. ראה שיחת ש"פ קרח, ג' תמוז (לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 658.

פולין[65], ביז — דער לעצטער שלב — ווען מ'איז אַנגעקומען אין ארצות הברית[66], אין „חצי כדור התחתון", און דאָרט גופא בכמה מקומות, ביז מ'איז אַנגעקומען אין דעם אָרט און בנין וואו מ'געפינט זיך איצטער, ביהכנ"ס וביהמ"ד ליובאַוויטש — אין „770" (ווי עס ווערט אָנגערופן).

זעט מען בפועל, אַז אע"פ וואָס בכל דורות ומקומות אלו איז געווען התגלות החסידות והפצת המעינות חוצה — איז דוקא אין „חצי כדור התחתון", וואו מתן תורה איז ניט געווען (בגלוי)[67] — געוואָרן די התגלות החסידות והפצת המעינות חוצה ביתר שאת וביתר עוז, מער ווי אין די דורות ומקומות שלפני זה, ביז באופן אַז דאָס דערגרייכט אין חוצה שאין חוצה ממנה — ווי מ'זעט בפשטות[68].

און דער טעם לזה איז — כנ"ל בנוגע צו דעם גילוי פון מ"ת דוקא למטה — ווייל דוקא אין דעם תחתון ביותר ווערט נתגלה דער „יתרון ארץ בכל היא", ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק לאחרי מתן תורה עצמו, אַז דוקא אין דעם „חצי כדור התחתון", וואו מ"ת איז ניט געווען בגלוי, ווערט די שלימות ההתגלות פון דעם „יתרון ארץ בכל היא", די שלימות גילוי התורה ופנימיות התורה באופן פון יפוצו מעינותיך חוצה.

ווי ס'איז מרומז אויך אין דעם מספר הכתובת פון דעם בנין (דער מרכז פון ליובאַוויטש בחצי כדור התחתון, פון וואַנעט אורה יוצאה לכל העולם כולו בהפצת המעינות חוצה) — 770, כידוע אַז 770 איז די גימטריא פון „פרצת" (ווי אידן האָבן מפרסם געווען).

ויש לומר השייכות: מספר שבעה באַווייזט אויף דער שלימות פון שבעת ימי ההיקף, שבעה מדות — די השפעה אין אַלע דרגות (פון חסד ביז מלכות). און די שלימות פון שבעה איז — מאה פעמים שבעה (700) צוזאַמען מיט עשר פעמים שבעה (70), וואָס צוזאַמען ווערט דאָס — 770. און דעריבער איז דאָס בגימטריא „פרצת" — ווייל די שלימות פון „פרצת", די פריצה פון אַלע הגבלות פון זמן ומקום („ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה"[69]) — ביז באופן פון „פרצת" בתוך „פרצת" — ווערט (ניט דורך אַרויסגיין פון זמן ומקום, נאָר אדרבא —) דוקא אין און דורך שלימות הזמן (והמקום) — 770, די שלימות פון מספר שבעה (זיבן הונדערט און זיבעציק).

דאָס הייסט, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס מ'האָט די פריצה שלמעלה ממדידה והגבלה („פרצת") — האָט מען אויך דעם מקום וזמן, ווי דער דין איז בפשטות אַז דער מקום ובנין דאַרף

65) באסרו חג סוכות תרפ"ח נסע מרוסיא ו־התיישב בריגא, לטביא. בשנת תרצ"ד העתיק מושבו לעיר וואַרשאָ, פולין. ובשנת תרצ"ו — העתיק את מושבו לעיר אַטוואָצק (שם), עד שהעתיק משם בחודש אלול תרצ"ט, עד שהגיע לריגא בה' טבת ת"ש. ובחודש אדר ראשון יצא משם (לשטאַקהאָלם) בדרכו לארצות הברית והגיע לשם בט' אדר שני ה'ש"ת (ראה מבוא לאגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה).

66) בט' אדר שני ה'ש"ת (כבהערה הקודמת). ובכ"ח סיון תש"א הגיע כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית הצדקנית נ"ע — יבחל"ח. המו"ל.

67) מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר — נדפס בסה"מ תש"ח ע' 232 ואילך. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שלא. אגרות קודש אדמו"ר מהורש"ב ח"א ע' קסא. ועוד.

68) ראה גם ה„פתח דבר" ל„קובץ כ"ח סיון יובל שנים".

69) ויצא כח, יד.





האָבן ד' כתלים און אַ גג ותקרה וכו', נאָר דער זמן ומקום עצמו שטייט באופן של „פרצת" (ואדרבא: דוקא זמן ומקום למטה טוט אויף שלימות ענין הפריצה כנ"ל). ע"ד ווי עס שטייט אויף ירושלים[70], אַז „פרזות תשב ירושלים" און צוזאַמען דערמיט „ואני אהי' לה חומת אש סביב".

און דער אָרט — „770" גימטריא „פרצת" — ווערט דער מקור ונתינת כח אויף יפוצו מעינותיך חוצה בכל העולם כולו, באופן אַז מ'טוט אויף דעם „פרצת" און דעם יפוצו מעינותיך אין „חוצה", ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה, אַזוי אַז מ'איז דאָרט מגלה דעם „יתרון ארץ בכל היא".

ולהוסיף: דער סך־הכל ושלימות[71] פון די שבעים (70) שנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[72] איז געווען דוקא אין „חצי כדור התחתון", אין „770", וואו ער איז אַנגעקומען און געלעבט במשך די עשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין: און דאָס גיט דערנאָך דעם כח צו דעם דור השביעי שלאחרי זה (כנגד ספירת המלכות) — עס זאָל זיין די שלימות הגילוי פון שבעים (עשר פעמים שבעה) צוזאַמען מיט שבע מאות (מאה פעמים שבעה) = 770, ושלימות הגילוי פון „ויתרון ארץ (מלכות) בכל (יסוד[73]) היא".

ועפ"ז המדובר לעיל איז מובן, אַז דער ענין קומט אַרויס בגילוי ביום כ"ח סיון, וועלכער איז מגלה דעם כח פון דעם חודש — „ירחא תליתאי", און דעם כח פון „אוריאן תליתאי", און דעם כח פון „עמא תליתאי", און פון אַלע ענינים של „תליתאי" פאַרבונדן מיט מתן תורה (ווי רב נסים גאון[74] רעכנט אויס), ובכללות — דער כח פון מלכות, „ויתרון ארץ בכל היא", וואָס איז מגלה „כל" בשלימות ובאופן של קיימא (שלש פעמים שלש פעמים שלש)[75], און דוקא אין גשמיות העולם, באופן של ממש (ממשות).

ח. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק די שליחות („שלח לך") פון דעם דור:

אע"פ וואָס מ'געפינט זיך אין עוה"ז התחתון אין גלות, אין גלות זה האחרון, און דאָרטן גופא — אין חצי כדור התחתון [דער מקום פון רוב מנין ובנין פון אידן בזמננו] — איז אדרבא: דוקא פון און אין דעם מצב ומקום התחתון

70) זכרי' ב, ח.

71) כידוע שבעת הסתלקות הצדיק נעשה ה־עלי' של „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו" (אגה"ק ביאור לסי' ז"ך), ונמשך ומתגלה ומאיר מלמעלה למטה (שם סי' כ"ח).

72) שנולד בליובאַוויטש בשנת תר"ם (י"ב תמוז), ונסתלק בניו־יאָרק ושם מ"כ, בחצי כדור התחתון, בשנת תש"י (יו"ד שבט).

73) וידוע שכ"ק מו"ח אדמו"ר הוא כנגד ספירת היסוד (ושמו (הראשון) יוסף, שהוא מדת היסוד), לאחרי החמש מדות כנגד החמשה נשיאים שלפניו — ראה ס' השיחות תש"ה ע' 60. ועוד.

וי"ל שכל דורנו האנשים נשים וטף הוא ספירת המלכות.

74) ועפ"ד הרמז יש לומר, ש„נסים" מורה על גילוי הנסים בעולם [וכנראה במיוחד בשנים אלו — שנת תש"נ ר"ת תהא שנת נסים, ושנת תנש"א ר"ת תהא שנת אראנו נפלאות, כמדובר כמ"פ], כולל גם — הנסים המלובשים בטבע (ראה מכתבי חודש ניסן ש.ז. נדפסו לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 894 ואילך), ו„גאון" מרמז על גילוי שלימות התורה, כידוע מהטעמים לקריאת שם גאון, כי גאון הוא בגימטריא ששים, שמורה על בקיאותו בששים מסכתות (ראה הקדמת המאירי לאבות). וי"ל שלכן, דוקא ר' נסים גאון מבאר הפרטים בקשר התורה לענין תליתאי, שמורה על הקיום (חוט המשולש) שנעשה ע"י מ"ת, כנ"ל ס"א.

75) ראה לקמן סי"ג.